1140597

יעקב מעסטעל

# סאלדאטן= און פאיאצן= לידער

[illegible]
א מתנה
יעקב מעסטעל

פארלאג „בזשאזא"

1928 ווארשע

מלחמה

## ארויסמאַרש

דערלאַנגט די קוילן און די שווערד,
איר נעמט אייך פאַר די לאַנצן —
גאַלאָפּ אַרויף אויף פלינקע פערד,
און נישט באַרירט די הייסע ערד —
שוועבט זי דורך איננאַנצן!

נאָך קאָן דער זון פון תהלים-בערד
באַצווינגען שלאָס און שאַנצן,
ווען זיינע ברידער איז פאַרווערט
צו אָטעמען אויף פרייער ערד,
צו בויען און צו פלאַנצן.

נישט געוואַרט און נישט געקלערט —
דער זיג וועט אונז באַקראַנצן!
און קומט צו פאַלן אויף פרעמדער ערד —
איז גרויס דער טויט, צו זיין פאַרצערט
אין שונאס זון-פאַרגלאַנצן.

דער צוג איז שפּייז- און קויל-גענערט,
דעם רעשט — וועט מוט דערגאַנצן,
האַבט אַכט, איר יונגען, פולווער יערט!
שפּילט אויף דעם מאַרש פון ביקס און שווערד —
דער שונא הונט וועט טאַנצן!

# אין אַקאַפּ

אין נאַסן גרוב, די ביקס אין האַנט, איעדער אויף זיין פּלאַץ.
דער שונא איז כיטרע ווי דער פוקס און לויערט ווי אַ קאַץ.
פּירט קאָרפּראַל צוויי מאַן אויף לינקס, דער „פּירער“ — דריי
אויף רעכטס,
איינער שטייט אַלס אַ „וועדעט“ צווישן שטעכיק דראָט-געפלעכטס.
איז אַלץ געגרייט די מאַמע ערד צו ווערן און באַשיצן —
איצט מעג דער שונא קומען: קוים דונערט — וועט מען בליצן!

אויפן בויך געקראָכן דורך „לויף-גענג“ און דורך היילן
ברענגען אַלטע לאַנדשטורם-מענער גולאַש צום פאַרטיילן:
—הער לייטנאַנט, נאָך אַ פּאָרציע—מיין מאָגן האָט שוין לעכער—
— פאַרווונדעטע פראַנצל?
— נו יאָ, פון אונזער קעכער:
אַ טראָפּן וואַסער-פאַבריקאַ, דערצו אַ זשמעניע ביינער
האַרט נאָר ווי אַ רוסן-קאָפּ — און קיי מיט קאַליע ציינער!
— גענוג שוין, זידלט דער פעלדפעבל, יעדער האָט זיין חלק.
— אָט ליגט שוין סטעפּאַן אָן אַ קאָפּ — פאַרשענקט ער מיר
זיין בײַלאַק.

ווערט פעלדפעבל ווייכלעכער, דערלאַנגט—און אַלע לאַכן
—דערפאַר, הער לייטענאַנט, וועל איך היינט אַן „איינגעהאַקטס“
פון רוסן מאַכן:



דער שיצן-גרוב האָט אויפגעלעבט—דאָס פעלד איז פריי און שטום.
און מיטאַמאָל: עס קרעכצט די לופט — עס ציטערט אויף די
ערד אַרום —
„מאַרש-מאַרש“ זיך יאָגן אויף אַטאַק קאָזאַקן צוויי שוואַדראָנען!
— קינדער, פאַר יעדן רוסן-קאָפּ — אַ פינפער זילבער-קראָנען!

די יינגלעך כאַפּן דאָס געווער, דעם ביסן נאָך אין מויל —
אַ קויל נאָך קויל, אַ קויל נאָך קויל —
צוויי סאַוולצן — ווי קאַנאָנען!
—איר בראַווע יונגען, גאָט מיט אייך—ווער האָט אַזויפיל קראָנען?!

# אויף וואך

ס'עס שלאָפט דער פיינט און פריינט אויף אָפגעצוימטער ערד —
די נאַכט האָט אַלץ פאַרזשאַווערט אין אויסגעמישטן קויט.
אויף וועמען פון אונז אַלע לויערט שטילער טויט?
וועט קומען ער דורך בלינדער קויל צי דורך אויפגעבליצטער שווערד?

שלעף איין דעם מח — ביסטו אַ מאַן —
און פון געפילן לאַך,
שטרענג אָן דיין אויג, דיין אויער שפאַן —
איצט הייסט עס: שטיין אויף וואַך.

פאַרגנבעט זיך אַ שאָטן ווו
צי ערגעץ רוישט אַ צווייג —
דאָס אויער און אויג פאַר טויזנטער ביסטו,
פאַר טויזנטער אויך שווייג.

נאָר קומט דיר אונטער שונאס זון —
ביים האלז אים פאַק געניט
און איידער ר'האָט אַ פיפס געטון —
מאַך אים קאַלט, און ווייטער היט.



# אין אַ באַזיגטער שטאָט

העלם באַקראַנצט, געווער געפלאַנצט,
קאַנאָן און וועגענער באַלאָד,
צעשפרייט די פאָנען הויך און ברייט —
אַריינמאַרשירט אין שונאס שטאָט!

די מוזיק שפילט ביי גלאָק-געקלאַנג
עס גייען מאַן ביי מאַן —
דאָס שענסטע זעלנער-ליד זיך טראָגט
אין טאַקט פון שפאָרן-שפאַן.

מיין פערד דערשנאַפט דעם ריטם-טראָפ
פון דעם ראַדעצקי-מאַרש,
צעלאָזט עס זיך אין שטאָלצן טאַנץ:
היי-הירזשע-האָפ! זאָל לעבן פראַנץ
אין זיגער-קראַנץ!
היי-הירזשע-האָפ!

טויער-פראַל און לאָדן-קלעפ —
מיר ברענגען פרייד און שרעק —
פילן זיך פולער די קעלערס נאָך אָן,
דורך שפאַרעס פאַרגנבעט באַווייזן זיך קעפ
מיט אויגן צעהיצטע, געפלאָכטענע צעפ,

ווירבלען די פויקן און פלאַטערט די פאָן
אין רעגן-בויגן-געפאַרב.

ווער געפאַלן, ווער פאַרשווינט —
עס לוינט, עס לוינט דער בייזער קריג
ווען ביסט פון זיגער-פרייד געקרוינט
און געבענטשט פון מיידלס בליק!

און ביי דער נאַכט אויף דער קוואַרטיר —
דו חלומסט אזוי זיס:
די שענסטע ווילסטו אויס פאַר דיר,
דו קניסט ביי אירע פיס —
און זי, אַ גליק-צעשמייכלטע
שענקט דיר יונגע מיידל-פראַכט
אויף אַ גאַנצער נאַכט.

ווו אַ שטאָל און ווו אַ הויז
ווימלען זעלנער פרייד-צעטריבט:
ווער ביי שענק און ווער ביי בעט —
דער זאַקרויב צאָלט זיך אויס.

## אַ לופט-באַלאָן

ס׳האָט אויפגעטויכט אין הויכן דער וואָך-געשפּאַנטער לופט-באַלאָן—
דאָס געלע אויג פון שלאַכטן-האַר, צעגלאָצט אַרום זיין ביינער-טראָן.

אויס טויזנט מיילער גיסט אַ קללה בליי-צעשאָט און פייבער-פלאַם,
רייסט אויס די האָפענונג אויף דערלייזונג פון מענטשנס האַרץ
און וועלדערס שטאַם —

און פּלוצים ווערט ז׳ער לופט-באַלאָן אין העלן פייער אויפגעפלאַמט
ווי צאָרן אינם הערשערס אויג, ווי מענטשן-בלוט אויף ווייסן זאַמד.

האָט זיך צעפלאַמט אין אים דער כעס, ווען ר׳האָט דעם
שונאס קראַפט געשאַצט,
צי האָט אין אים ביי ברידערס פיין אַ מענטשן-האַרץ געפּלאַצט?

דער מאָרגן ציילט דעם שניט פון נאַכט, וואַגט קיינער נישט אַ
בליק צו טון —
נאָר איינמאָל, קורץ האָט אויפגעלאַכט מכשפה-שלאַכטס אַ דולער זון.

## קריגס־פּייסאַזש

פעלדער זיך ציִען אין נעפּל פאַרזונקען,
בראַנדיקער פּולווער דעם אָטעם פאַרצערט,
עס גלאַנצן די הימלען פון רויכן באַטרונקען
און וווּנדיק פון קברים זיך קאָרטשעט די ערד.

אין מוח — אַ מיל־ראָד באַפּאַלן פון וואַסער
רוישט עס אָן אויפהער צעברויזיקט און ווילד —
צזוי ווי די רעדערס צעכאָרכלט געקלאַפּער
וויל די נשמה נישט ווערן געשטילט.

כ'האָב היינט דעם טויט געזען אין ביינערדיק געוואַנט —
בעגאַנגען צווישן אונז מיט בלאַנקער קאָסע אין דער האַנט —
האָט ער זיך איצט פאַרקליבן אין ציין־געשאַרף פון ראָד !
אָ גאָט, באַשענק אונז מיט דיין גנאָד.

עס פּייפּט אַ צוג — די רעלסן קרעכצן אונטער מאַן און משא,
אַ חיל ווערט אַווו געשליידערט פון אַ וויַיטן וואַנדער —
און שוין איז גרייט אַ פּאַנצער־שיף אין פלאַטערדיקן רויך און שטאַנדאַר
אַוועקצוטראָגן פונם ברעג דעם אויסגעמיש פון פאָלק
און ראַסע.



אין לופטן זשומט אַן עראָפּלאַן — אָט גרייצט זיין
שווערע פייל —
אַ באָמבן־ און שראַפּנעל־געקראַך — אַ בליצן און
אַ פלאַמען־זייל — —
דער עראָפּלאַן און שיף און מאַן און משא — אַלץ ביינאַנדער־
פאַרגייט אין רויך און אינם תהום־אויף וויַיטן, וויַיטן וואַנדער...

## דערוואַרטונג

אַ גרויע איז די נאַכט געקומען
פונם ווייטן וועג,
אין שאָטנדיקן שויס גענומען
וואַלד און פעלד — און אונזער אויסגעפרעג:
דאָרט אויף די ווייטע לאַנען
וועלן טרעפן מיר דעם פיינט — —
קומען וועט ער — נאָר פון וואַנען?
בייען מאָרגן מיר פון דאַנען
צי נאָך היינט?

ווער קאָן וויסן, ווער קאָן זאָגן: מאָרגן צי שוין באַלד,
אויף די ווייטע פעלדער צי אין טיפן וואַלד
וועט זיין באַשערט צו שטאַרבן?

יעדער „ווען" און „וואָס" און „ווי" —
אַ שראַפּנעל אין טעמפּן שאַרבן —
קומט און שווינדט אָן צוועק און ברירה — —
און דער מח, בהמה'וואַטע,
איז אַלץ מעכאַניש מעלה-גרה
דעמזעלבן איבערטראַכט.



אַזוי אין האַרץ-געפּלאַטער
אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט.
פון שאָטנס טראַכט-צוזעפן
דער פוילער מאָרגן קריכט — —
אפשר וועט עס דיך נישט טרעפן
אַזוי ביך?

## געפאַלן איז אַ פריינט

געפאַלן איז מיין פריינט, ווען ר'האָט געוועדט דעם „שטאַנד".
פאַרשטאַרט איז אים געבליבן אַביסל ערד אין האַנט —
און זיכער אויך אַ קללה אין פאַרשטיקטער קעל.

טויזנטער געפאַלענע מיט איינעם נאָר פאַרמערט —
און דאָך האָב איך זיך איצט פאַרשעמט אין טיפקייט פון מיין זעל
פאַר אונזער שעפסנ-ווילקייט און פאַר באַפלעקטער ערד.

## נאָך דער שלאַכט

געגנוג פאַר היינט: אין טונקלקייט פאַרברויזט און גוססט
אויס די שלאַכט
דאָס לעצטע ביקס-געראַנגל און קאַנאָנס דועל-געווונק —
נאָר איבער וועלדערס קרוינען-דאַך פלאַמט נאָך ברייט
אַ פייער-צונג
און סביבה אָטעמט נאָך מיט ריח פון מענטשלעך בלוטן
אין דער נאַכט.

אַ האַרץ, וואָס האָט נאָך נישט פאַר-עקט, פלאַטערט שטיל
ביי טייכלס ברעג,
פלאַטערט — און פאַרגייט,
שטייט צוקאָפּנס אים אַ ווערבע — די איינציקע אין טרויער-געבעט.

איילן קאַמעראַדן זיך, גראָבן אויס אַ נאַסן גרוב
שטעקן איין פון האָלץ אַ צלם און דעקן צו מיט ווילדן קריפּ.

נעמט צו, איר גוטע קאַמעראַדן, נוצריס הייליק קריסטן-האָלץ —
אויב קריסטן-ליבע איז אים באַשערט:
לאָזט אים ליבערש אומבאַקאַנט אין פרעמדער, ווייטער ערד
איידער לאָזן פאַר די דורות דעם קין-פלעק אויף
קריסטן-שטאָלץ — —

געגנוג פאַר היינט: פאַר מידיקייט האָט פאַרשטומט די שלאַכט —
זאָל שלאָפן גיין, ווער שלאָפן קאָן אין אַ טויטן-נאַכט.

## נאָך מײַן טויט

נישט שרעקט דער טויט און נישט פֿאַרגעסנקייט אין פֿעלד —
דער מאַמעס האַרץ פֿאַרלאָזט נישט אויך אין ווייטער וועלט,
און וועמענס מזל ס'איז באַשערט —
דעם שיצט נישט שרעק און נישט קיין תּפֿילה, ווען אויך
פֿון מאַמעס אויג געטרערט — —
עס איז נאָר שווער צו וויסן, אַז אַ מענטשן־האַנט
וועט דיר אָנטון „לעצטן־כּבֿוד" נאָך זיין לעצטער שאַנד.

וואָלט ווער מיר זאָגן ווען, וואָלט עמיץ ווייזן ווו
עס וועט די קויל מיך וואַרפֿן צו מײַן לעצטער רו —
איך וואָלט אַליין געגראָבן פֿיר איילן מענטשן־גליק,
אַרומגעצוימט מײַן קבֿר מיט אַ הויכן פּלויט
און אויף אים אָנגעשריבן: „נעמט אַוועק דעם בליק" —
זאָל מיר קיין מענטש נישט טאָן קיין טובֿות נאָך מײַן טויט.

## פֿאַר צוויי איז דאָס געשען

עס איז פֿאַר צוויי געשען:
אַליין דעם שונאס האַרץ מיט אייזן־פּלאַם געשפּייזט,
האָט דער זעלבער אייזן־שפּאָן אונדז ביידע אויסדערלייזט.

דעם רויטן פֿלעק דערזען
האָט מײַן קאַמעראַד אויסגעשטרעקט די האַנט
און נקמה אויסגעשוווירן איבער שונאס לאַנד.

און איך האָב ווי אַ שולדיקער געזונקען טיף דעם קאָפּ:
ווער ווייסט אַוויפֿל רויטע פֿלעקן א י ך אויף מײַן געוויסן האָב...
פֿאַר צוויי איז דאָס געשען.

## עס גרייט זיך אַ שלאַכט

ווידער מיט זעבל און בליי אונז געבראַכט
די אוצרות צו היטן,
ווידער צעשלאָגט זיך אין פעלזיקן הויל
דאָס ברילן פון האָרן-געביטן —
עס גרייט זיך אַ שלאַכט.

אָטעם-פאַרהאַלטן די גרויס איך באַטראַכט
פון פעלזיקער וואַנט —
און שטייפער נאָך פרעסט זיך דער זעבל אין האַנט
אַקעגן דער אייגענער מאַכט.

היט אייך, אין בלינדן שגעון צעלאַכט,
דער קרבן פון אייגענעם שפילצייג צו ווערן —
עס קאָן נאָ היינט צילן דער זעבל זיין שאַרף אין קאָפּ פונם
אייגענעם הערשער

אָדער אין פלאַמען פאַרצערן
אייער אייגענע פראַכט!

ווידער מיט זעבל און בליי אונז געבראַכט
די אוצרות צו היטן — —
איך גלויב, אַז אין אומרו פון זעלנער-געבליטן
גרייט זיך אַ שלאַכט.



## ווער קאָן באַנעמען

קאָן ווער איצט דעם וואַסערפאַל פון אונזער שטראָם באַנעמען?
האָט ווער צייט אין אונזער צייט-געוועב
דעם וויסטן פליאָנטער צו צעקעמען
אויף האָר-צעדרינטן איבערלעב?

סיידן דער סאָלדאַט אין אויסגעהויכטער רו —
סיידן אַלטע ווייבער אין הונגעריקן ערגיץ-ווו — —

שפּאַצירן נאָך די מיידלעך אויף שטעטלדיקן טראָטואַר?
רוישט נאָך ווו אַ פעלד אין זאַנגען, וואַרטנדיק אויף שניט?
וואָס מאַכט מיין אַלטע מאַמע אין קלאָגענדיקן צער?

אַז שטאָט און פעלד איז אויסגעהאַמערט מיט סאָלדאַטן-טריט,
אַז — אין גלות די נשמה — א מענטשלעך-אויסגעטון געשלעכט
יעדע גרענעץ מענטשלעכקייט פאַרשוועכט —
וואָס באַטייט דער מענטשלעכער באַנעם?

איך טוליע זיך נאָר טיפער אין שטייפן מאַנטלס קאַלטן קלעם
און פאַרבאָרג אין ווערעמדיקן קאָלנער די סכנות
פון מויל-באַוועג און שיפן בליק פון אויגן-לעכער —
היינט איז דאָך דער אַ פחדן אָדער אַ פאַרברעכער,
ווענענס ליפּ עס לאָזט נאָך פאַלן
דאָס שווערע וואָרט ו'חמנות.

## וואַלד-קאַלושע

פון זומער-האַרבסט די צייט
רויזיק-גרינס אויף געלס זיך בייט
טאָג-און-נאַכט אין שאָטנדיקן שוואַרץ-און-ווייס
זיך צאַנקען איבער צייט-צעריים, —
אַ נאַקעט מיידל אויף אַ בוים
צעבאָמבלט ווי אַ דולער טרוים,
און, אויסגעהונגערט, רייסט אַ קראָ
די פלאַקסן פון איר ברוין-און-בלאָ.

צופוסנס פון דעם עלנטס וואָג
רויטלט זיך די וואַלד-קאַלושע
אין לעצטע שטראַלנס ביין אויג
און מאַכט נאָך שוואַרצער ווייט אַרום דאָס פנים פון
פאַרשעמטן טאָג
אין גוססדיקן וויי-פאַרנויג.

עס בליצט. אַ דונער האָט שראַפנעלן אויסגעשיט.
און איך — אַ פחדן אין מיין שרעק,
פאַל-צו און קוש מיט בלאַסן פנים דער קאַלושעס דעק —
צו שיצן מיינע איינגעווייד
אין ווערעם-קויט און מענטשלעך בלוט.



## פאַרצווייפלונג

שוין באַלד אַ יאָר אין שיצן-גרוב און מיסטיקע באַראַקן,
איז נאָר אַ וווּנדער וואָס — פאַרשווינט פון שווערד און קויל —
נישט האָבן נאָך די ווערים דורכגעגריזשעט האַלז און נאַקן.
און וואָכן-לאַנג שוין ציען פרישע פאָלקן אין דעם גרויל —
איז עס נישט אַ גאָט-נסיון ווידער זיך צו וואַגן?

ווער צווינגט צו גיין אין הערשערס יאָך און בלינד אַזוי
געהאָרכן?
און ווען מענטש קול זאָל זיך דערהויבן אַ קללה אויסצושרייען
ווען טויטע שווייגן אויסגעזייעט אויף ווינטן און אויף פאָרכן
און אַהיימגעקערטע קריפלס פאַרגעסן ווונד און ווייען — —

איז וואָס צו טאָן? און ווער וועט עצה האַלטן?
ליגסט דאָ צווישן אָפּגעטעמפּטע מאָרד-געשטאַלטן,
גרויס געגוג אויף אויסצוקינסטלען פּרעציזקייט אינם פלאַם
און בליי,
און קליין אַזוי און נישטיק אויף וועלט-דערציטערט אויסגעשריי—
אַז טויזנטער פאַרשטייען דאָס ווערק פון זיכערן פאַר-עק
און קיינער נישט די טרייסט,
אַז בלינדע מאַכט באַהערשט דיך פון פּערעטעריש פאַרשטעק —
וואָס קאָן דאָ העלפן גייסט?

מעכאַניש וועט שוין ווייטער צירקלען קריגס צווירבלטער
פלאַנעט:

אַ פֿאָלק נאָך פֿאָלק אויף זעט און שפּיי פֿון קאַנאָן און
באַיאָנעט,
אויף ווונדן-פֿיבער, נאַכט-שגעון, אויף נערוון-רייסנדיקע
שעהן —
און נישט דערוואַרטן זיך דעם טאָג פֿון אויסדערלייזטן שלום.

אָט שמייכלט אַ פֿאַרוווּנדעטער אין לעצטן גסיסה-חלום —
נאָך אַן אויסגעבלוטיקטער, פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַרניינער...
איר אַלע, וואָס אין שטאָט-פֿאַרשטעק יובלט איר נאָר „זיג",
קומט אַהער און אָטעמט מיט די שלאַכטנס טויטן-שרעק —
שטאַרבן וועט אין אייך דער בליק
ווי זיינער!

דערגיי, מיין נאָנטסטער, ווי אַ הונט:
נישט זיי, נישט אַמאָל דער קראַנקן-צוג מיט רויטן צלם-פֿלעק
וועט וואַגן זיך אַהער צו לינדערן דיין ווונד.

איז וואָס צו מעדיטירן?
מיר וועלן גיין, ווען ס'איז באַפֿוילן, און שטאַרבן אונטער
שווערד און קוילן —
און ביים קרעפּירן
וועלן מיר אין שווייגעניש זיך איבערשטייגן
ווען זאַט און מענטשן שווייגן.

## דאָס ליד פֿון זעלנער-קנעכט

ווער זאָגט, אַז מוט איז אונזער שטאָלץ—אַז גרויס איז קרבנס טאַט?
יאָרן-לאַנג מיט שקלאַפֿן-האַנט
באַשיצט און אויסגעבויט די תּפֿיסה-וואַנט
אויף אייגענעם פֿאַראַט —
איצט בויגט זיך קאָפּ און האַלז-און-נאַקן — וויל זיך רייסן
פֿון דער קעל:
יאָך-פֿאַרליבט און קנעכטיש איז די מענטשן-זעל!

ווער האָט איינגעוואָרצלט די שרעק אין אונזער טראַכט
צו פֿאַרשעלטן הערשערס מאַכט —
און איבער מיליאָנען קעפּ אַקעגנטראָגן נאָך די פֿאָן אים,
נישט צינדנדיק קיין בושה אין פּנים?

ווילן-שוואַך טראָגט אַלץ דער מענטש צום שייטערהויפֿן
זיין געביין,
אָן אַן אָפּקלאַנג שרייט אַרויס פֿון גאַס און קבֿרים מענטשנס פּיין
טויזנטפֿאַך געטרערט און טויזנטפֿאַך אין ווייַ צעגליט — —
עס קאָן זייַ בלויז אַ יזכּור זיין דעם זעלנער-קנעכטס
פֿאַרביטערט ליד.

## מאַסן-גרוב

מאַשינען-ביקסן גראַגערן, שראַפּנעל-ראַקעטן
הענגען אויס אויף הימלען ווייס-און-ראָזעווע בוקעטן —
ווידער האָט דער שלאַכט-געטומל אויפגעשפּילט זיין ווײ-געשריי
פון וווּנד און משוגעת, פון „זיג" און פון „פאַרביי",
גיהנם האָט אין טייוול-טאַנץ צעווילדעוועט די יינגסטע זין
ביז אָטעם-האַסט און זין-פאַרגיין —
חורבן-וויסט ליגט שטיין און מענטש אין גוססדיק פאַרבלין — —
קליין און ענג ווערט אונז די ערד — ווי פאַר לויות קבצנס שטוב,
טיפט זיך, הויפט זיך און פאַרשטיקט די לופט
דער ברידערלעכער מאַסן-גרוב.

צוויי, צי פיר-אונזעכציק ליגן ערשט אַריינגעפּרעסט,
און ווייל נישט קיינער ציילט און קיינער מעסט
קאָן אַריינגעטאַפּטשעט ווערן נאָך אַ פיר-אונזעכציק שטיק!

און מיט וואָס איז ערגער זייער מזל פון אונזער הינטיש גליק?
אויך מיר פון לאַנג שוין ליגן נישט באַזונדערע צו צוויי
אין חופה-וקידושין-בעטן צי אין קופּלערײ —
און קריכן איינער צו דעם צווייטן ווי אַ הונט, וואָס
האָט קיין צויג,
איז אין מאַסן-גרוב באַהיטער און זיכערער פאַר
וועכטערס אויג — —



שרעקט זיך נישט, ווען מענטשן-קנאָכנס צי אַ מאָרדע פון אַ פערד
באַקיוועז בייז אַרויס פון אָנגעשטאָפּטער ערד:
די ערד איז נאָך געדולדיק און גיט נאָר זעלטן ווען צוריק,
און אַן אָרעם צי אַ פוס איז דאָך נישט קיין מוראדיק
גראַנאַטן-שטיק.

נאָ׳ לאָזט קיין קאָפּ זיך נישט דערהויבן — דער שונא
ווייסט קיין שפּאַס:
באַהאַ׳טסטו זיך — איז ווויל צו דיר, דערהויבן זיך —
הייסט פרעכער מוט, —
און ווען אויך נאָר אַ טויטן-קאָפּ — דעם שונאס אויפגעפלאַמטער האַס
וועט נאָכאַמאָל פאַרטרינקען אים אין בלוט!
אַזוי איז מולכס הויפּט-געזעץ און עטיק פון גיהנם.

ווידער שפּילן שלאַכט-טייוואָלים אויף גראַנאַטן און שראַפּנעלן — —
צעטאַנצט זיך דעם גיהנם-טאַנץ צו הונדערטער אינאיינעם!
קיינעם, קיינעם
וועט עס נישט פאַרפעלן — —
טאַפּטשעט איין די פוילע קנאָכן, צעפוילטע שוין ביים לעבן —
און מיט דער שטומפּקייט פונם זעבל-קנאָפּ
האַקט אָפּ פון צלם דעם צביעותדיקן קריסטוס-קאָפּ,
וואָס איז דעם מאַסן-גרוב ווי אַ פוילער וויץ געגעבן.

# חורבות

מײַן שװעסטער חנה און מײַנע
ברידער איזשע און מאיר —
מיט־קעמפער אין דער װעלט־בהלה

דער טויט האָט צעשאָטן זײַן גיפטיקן זאָמען
דורך אײַזן און פּלאָם און מגפות־פֿאַרשפּרייטן,
געדענקט נישט דער בכור זײַנע עלטערנס נאָמען
בוקן זיך שטאָלצע אין קנעכטישע קייטן,
דער הייליקער פּרעסט צו זײַן האַרצן דעם טמאָן
און ברידער מיט ברידער צעפּייניקטע שטרייטן —
דער טויט האָט צעשאָטן זײַן גיפטיקן זאָמען.

װערט די שטאָט אַ שטיינער־סטערניע, און דאָס פֿעלד אַ
לאַבירינט
װוּ אין קראָטן־נעץ פֿאַר־עקן צעפּייניקטע סאָלדאַטן־הינט —
שלעפּט אַ פֿאָלק זקנים זײַן עלנט איבער יאָמער־טאָל,
בלאָנדזשען לאָשעקעס יתומים הונגעריק און דול,
װיינט די לעצטע מוטער קו אין אייטער־איבערפֿול —
אַ פֿאָלק טרינקט ביזן לעצטן טראָפּן די ביטערקייט פֿון
שקלאַפֿן־שאָל — —

און איבער אַלץ דער טויטן־פֿאַקל פֿון אויפֿגעפֿלאַמטן גוטס
װי אַ ברענענדיקער דאָרן אונטער פֿאַלשן נביאס שוך: —



„פֿעלקער צו דערלייזן — אַ לאַנד צו מאַכן פֿריי" —
װערן מיליאָנען פֿרייע געיאָגט אין שקלאַפֿערײַ,
און ימים־ברייט און װעגן־לאַנג יובלט־צו אַ חרוב לאַנד
דעם שטאַמפּענדיקן פֿוס און בייטשנדיקער האַנט — —

פֿאַרשעלט איך איצט מײַן לײַכטזין, װאָס אין בלינדע שעהן
האָט ער מיך פֿאַרפֿירט צו שװערן ביי אַ שװאַרצער פֿאָן.

װעט נאָך פֿאַלן דער שטראַל דערװאַכונג אויף די טויט־
פֿאַרבלענטע װײַס?
װעלן חורבות זײַן דאָס פֿעלד־מיסט פֿאַר דערלייזנדיקע זריצות?

זאָל דער נס געשען: זאָל דער מ ע נ ט ש אַרויס דער זיגער —
בענטשן װעל איך יענע שעה, װאָס האָט אויך מיך געמאַכט
צום קריגער.

איינע נאָר וועט נישט פאַרגעסן:
האָט ווער פון אונז אַן אַלטע מאַמע —
באַקלאָגן וועט זי אונזער מ.ל מיט אויסגעוויינטע אויגן
און אונזער הייליק-שיין דערבליקן אין יעדן רעגן-בויגן.

## ביי אַ געפאַלענעם סאָלדאַט

אַ צענטער און אַ הונדערטסטער—דערגרייכט שוין באַלד מיליאָנען
די מאַסע מענטש, פאַרשלונגען און אויסגעשפּיגן פון קאַנאָנען—
נאָר טיפער איז דער צער און שרעקלעכער דער גרויל,
ווען אַ פאַרבלאָנדזשעט-בלינדע קויל
טרעפט אַן איינזאַם-אָפּגעשייטן.
דו זעסט ווי אויגן בעטנדיק זיך ווייסן
ווי עס כאָרכלט אויס אַ זעל אין גיפטיק ציין-פאַרבייסן
און נישטאָ קיין נאָנטער צום קבר אים באַגלייטן.

פאַרדעקט אים נישט דאָס פנים—לאָזט אים פריי כאָטש שטאַרבן
און טרייבט נישט אָפּ די קראָען די אויגן אים צו נאַרבן —
זאָל זיך מעסטן זייער שנאָבל מיט די מענטשנס שאַרפן...

אַזוי וועט זיין מיט אייך—מיט מיר—מיט אַלע, וואָס זיך וואַרפן
אַזוי קנעכטיש ווילן-לאָם אינם שלאַכטן-פיבער —
וועט נאָך אַ „איינסער" פעלן אין די נאַסע שיצן-גריבער — —

פאַרשרייבן וועט מען אונזער נאָמען אויף אַ שפּאָן פון האָלץ:
„אַדאַ, אויף פעלד פון ערע... געפאַלן אונזער שטאָלץ"—
ביז אַ „דרייסיקער-און-האַלב" וועט אין קראַך און פלאַמען
אויך אונזער לעצטן זכר — דעם קבר און געביין צעפרעסן.

## צו דער מאַמען

ווייסטו, מאַמע, וואָס עס וואַרט אונז היינט אין מאָרגנס גראָ?
וועסטו קומען מיך צו טרייסטן אין דער לעצטער שעה?

דו האָסט דאָך מיך דעם גאַנצן וועג באַהיט דורך תפילה
און געוויין:
טיף אַזוי אין בלוט — און דאָך צו בלייבן ריין,
אַזויפיל דורכצוּוואָגלען פון מענטשן-האַס ביז מענטשן-גליק
און דאָך נאָך ווערן טויטן-בלאַס ביי מענטשנס פאַל און
מענטשנס זיג — —

כמעט דערזעלבער ווי געוועזן.

נאָר דער ווייזער אויף מיין וועג איז נישט געשטעלט אויף
מאָרגן —
און היינט באַשיצט נישט גאָט צומאָל דעם קראָט אין
ערד פאַרבאָרגן — —
קאָן פּלוצים וואָס געשען —
און נישט דערקענען וועסטו מער דיין אייגן-קינד — —
און דער טאַטע, שוועסטער-ברידער וועלן זוכן מיין געביין
אין פוסטן ווינט...

ווי מתימס בעלע קנאָכנס פון אונטער שוואַרצן דאַך
גלאָצט אַפיר דער מאָרגן פון דעם הימלס זוים —
אַבאַלד וועט זיך צעלאַכן דער זונס בורשטינען-פלעק, —
זאָל איך, מאַמע, אויכעט לאַכן פון נאַכטנס שווערן טרוים?



## חלומות אין פעלד

היינט ליגנדיק אין פעלד אין שניי-באַדעקטער הייל
מיט געלן פייער אינם בליק און שוואַרצן פיבער אין דער זעל
האָב איך געגלויבט מיין מאַמעס קול צו הערן —
געפילט איר ציטערדיקע האַנט אויף מיין צעגליטן שטערן.

מען זאָגט: ס׳איז קינדישער שגעון — —
ווער ווייסט — עס קאָן שוין זיין,
וואָס איז דען נישט אימשטאַנד די פּיין דורך לאַנגע,
שווערע שעהן...

אין חלום צי אויף וואָר האָט מיר זיך אויסגעדאַכט:
אויף קיל און אויסגעצוימט געביין האָט זיך די ערד פאַרברענט,
אויף איר געריטן אַ סקעלעט מיט פלאַמענדיקן קאָפּ און הענט —
דער מאָנסטרום פון דער שלאַכט.

מען זאָגט: דאָס קומט דער מאָרגן-רויט —
און אונזער מזל איז צו זיין אַ פונק אין מאָרגן-ווינט — —
איך האָב צומאָרגנס ווי אַ קינד צעוויינט זיך פאַר דעם
טויט — — —

## געבעט פאַרן שטורם

זינד-באַוווּסט מיין ברוסט זיך שפּרייט
אין שטויב אויף דיין באַראָט,
דו אומבאַקאַנטער, נישט-געגאַנטער גאָט.

ווען איך דערמאָן דעם וועג פון מיינע וואַנדל-טעג
ווערט חרטה-פול מיין זעל
און איך זינק דעם קאָפּ, דערוואַרטנדיק דיין גנאַד,
מיין גאָט.

נאָר דו, מיין נישט-געגאַנטער,
דו ווייסט, אַז סיי מיין אָנגריף, סיי מיין וואַך —
האָט מען געזאָגט
איז פאַר מיין ברודערס שמאַך,
און יעדע חורבה, יעדעס מענטשלעכע געביין —
האָט מען געזאָגט
איז פאַר דער שוועסטערס נויט-געוויין.

און ווען אַצינד אין גרויזאַמקייט צעטראָגן וועט מיין
שווערד די פּיין —
דו ווייסט אַליין, מיין אומבאַקאַנטער,
אַז אויסגעצוווּנגען האָט עס מיר מיין האַרס באַפעל.



און טרעפט — דיין ווילן איז געבאָט
מיין נאָט, מיין גאָט
אַז אויג אויף אויג באַגעגנט זיך מיין זעל
מיט שונאס האַס —
מאַך לינד מיין פויסט און רחמים-פול זיין האַרץ,
מיין גאָט.

זינד-באַוווּסט זיך שפּרייט מיין ברוסט אין שטויב —
מיין אויג איז בלינד, מיין אויער איז טויב
איך גלויב, איך גלויב,
אַ גאָט!
נאָר דו, מיין רו, ביזט ווערט דעם לויב
און מיט מיין טיפקייט גרויס ביסטו,
און וואָס געבויט עס האָט מיין האַרץ
און וואָס געטראַכט עס האָט מיין זעל —
איז נישט, צין נישט,
אַ גאָט!
אַ דו!

# א ט א ק ע

שטום דער וואַלד ווי טויטן-שרעק און גרוי ווי מרה-שחורה —
דאָרט זיצט דער פֿיינט און וואַרט.
פֿאַר לויטער צייט-זיך-שלעפּן ווערט פּחד אינם האַרץ פֿאַרשפּאַרט
און טאָפּלט וואַקסט די מורא.

אַ גרינער פֿלעק — דער ליכט-ראַקעט: דער צייכן צום
באַגינען —
אויף און פֿאָרווערטס און אין שורות שיטער זיך צערונען!

אַרטילעריע האָט צעפּויקט אַ טאָפּלזייטיקע טרעוואָגע,
האָט אָנגעשעפּט דער וואַלד אַ מויל מיט קראַכנדיקע גלידער
און שפּייט צוריק מיט בליי און פֿלאַם פֿון הינטער יעדן
שטאַם — —

יאָגט געיאָגט, געבוקט די קעפּ
נישטאָ קיין צייט פֿאַר אָטעם-שעפּ
און ווו סאָלדאַטן-פֿוס זיך שטעלט דאָרט שטאַרבן רויז
און דאָרן!

אַ קוילן-וויכער בייטשט און שמייסט מיט צוויקנדיקע רוטער —
מיין גאָט! ווען נאָר דעם וואַלד דערגיין, צום וואַלד, גע-
טרייע מוטער!
אַ סאַלווע בליצט פֿון שונאס אויג —„צום שטורם” ברילט
דער האָרן —



היט אייך, היט אייך — מינעס מייד —
מאַשינען-ביקס די רייען שניידט —
איך טרעט אויף טויטע ברידער — —
שלעפּט אַוועק דעם דולן פּאַק מיט צאַפּלדיקע פֿליישן —
באַגראָבט אים האַלב אַ טויטן
אַבי נישט הערן מענטשס געוווי און מענטשן-לייב נישט
זען זיך רויטן
„הו-ראַ!!” — עס ברויזט דער טויטן-טאַנץ ביי האַנט-גראַ-
נאַטנס פּייפֿן —
פֿאַל צו און מעסט דיין אויגן-בליץ מיט באַיאָנעטס געשליפֿן!— — —

עס איז געשען:
דערליייזטע רו האָט מיך אין טייוול-שפּיל דערגרייכט.
אַן אַקער-פֿערד, זיין לעבן-לאַנג מיט פֿעלדערס זעט די מיל
באַרייכט,
שלעפּט אַצינד — אַליין אַ הינקענדיקער, — מיין קלומפּן
פֿון צעפּלעטן פֿוס,
און אַ גלח — אויך אַ שטאַמלענדיקער — בעט גאָט פֿאַר
מיין נשמה.

לאָז צורו, באַגאָטיש פֿאָלק: אַ טויבער איז היינט גאָט.
וואָלסטו קאָנען — שטאָט אַ תפילה — שיקן אים צום גרוס
אונזער צוויי-אונפּערציקער-געשפּאָט
פֿון זיין „קעניגרייך אויף ערד” —
אפשר וואָלט נאָך אין פֿאַרשטעק ז'ערציטערן דער אַלטער קראָט,
אפשר וואָלט ער נאָך דערהערט
דיין גאָט.

# מײַן חבר — דער מיטמענטש

## אין לאַזאַרעט

פון שטרוי און צודעק אָטעמט פיבער און עקלקייט פון וואַנצן,
שאָטנס פון געפּאַלענע אין מח זיך צעטאַנצן —
אַלץ האָט, דאַכט זיך, אויסגעוואַנדערט אויף יענער זייט פון זיין
און איך נאָר איינער בין געבליבן אויף אויסגעהוילטער ערד —
באַלד וועט אַלץ אַ ציטער טאָן, צוזאַמענבּרעכן און פאַרגיין,
און טרעפן וועט עס מיך נאָר, מיך אַליין —
פון קיינעם נישט געזען, פון קיינעם נישט דערהערט — —
איך — דער צענטער פון דער וועלט — אַליין אין וויסטן לאַזאַרעט.

פאַרוואָס אַזוי פאַרוואָגלט — פון מאַמעס היים פאַריאָגט?
זי וואָלט דאָך ביי מיין קראַנקן-בעט גענעכטיגט און געטאָגט
און מיר די וויי֯ען און די שרעק פון שטערן אויסגעגלעט.

אַ בריוו איר שרייבן זיך געקליבן — —
וואָלט בלייבן אויסגעקריצט אין יעדער שורה
דער גרוס פון האַס-דערפולטער זעלנער-צורה —
איז אפשר בעסער נישט געשריבן...

מיט ריחות פון אַ שלאַכט-הויז איז פול דער לאַזאַרעט,
דער רוים, מיר דאַכט, פאַרגייט זיך אין בלוטיקן געלעכטער —
נו איי֯ל נישט, קראַנקן-וועכטער,
וואַרט נאָך איין מינוט — — באַלד ווערט שוין פריי אַ בעט — —